**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/4/2025 **KATHY HOCHUL גאווערנער**

## דערקלערונג פון גאווערנער KATHY HOCHUL (קעטי האקול) אויף פרעזידענט טראמפ'ס דשוינט אדרעס צו קאנגרעס

"די קאסט פון לעבן איז צו שרעקליך הויך און לענגאויס אמעריקע. פונדעסטוועגן האט פרעזידענט טראמפ'ס אדרעסירונג צו קאנגרעס פארפעלט פארצושלאגן אפילו איין באדייטפולע לעזונג צום צוגענגליכקייט קריזיס.

"אין פאקט, האבן מיר געהערט פונקט דאס פארקערטע: פלאן נאך פלאן וואס וועט הייבן קאסטן אויף באנוצער. די פרעזידענט האט פארדאפלט אויף זיינע טעריפס, וועלכע וועט קאסטן פאר אמעריקאנע פאמיליעס מער ווי $1,200 יעדע יאר און פארוויסטן אונזערע פאמיליע פארמס. ער האט גערופן צו קאנגרעס צוריקצוציען פון די CHIPS און סייענס אקט, וועלכע וועט שטעלןאין ריזיקע 50,000 דשאבס און א 100 ביליאן אינוועסטירונג אין צענטראל ניו יארק. און ער איז געווען שאקירנד שטיל אויף העלט קעיר - אין די צייט ווען זיינע אליאנצן אין קאנגרעס דראען אוועקצונעמען מעדיקעיד דעקונג פון מיליאנען ניו יארקערס.

"אבער דאס איז נישט וויאזוי מיר טוען זאכן דא אין ניו יארק. איך גיי ווייטער זיין שטארק קאנצענטרירט אויף צוגענגליכקייט, קעמפנדיג דורכצופירן א בודשעט וואס נידערט מיטל-קלאס שטייער און פארטריפלט די קינדער שטייער קרעדיט. נישט קיין אונטערשייד וועלכע שטורמים קומען ארויס פון וואשינגטאן, וועל איך ווייטער קעמפן צוריקצולייגן געלט אין אייערע קעשענעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן